# אונזער עבודה פסח ביינאכט

במשנתו הטהורה של

**מרן הרה"ק מקאסוב זי"ע**

## די עיקר יסודות

פון אונזער עבודה ביים סדר נאכט,
מלוקט פון די שיעורים און דרשות פון
הרה"ק מקאסוב זי"ע



מכון
שפ"ה ברורה
להוצאת דא"ח כ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל
שע"י חסידי קאסוב

הלימוד בגליון דהלז
יהיה לעילוי נשמתו הטהורה של
כ"ק אבינו רועינו אדונינו מורינו ורבינו
מרן שרגא פייביש בן מרן אברהם יהושע העשיל זצוק"ל
זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל

**לשמוע דרשות, ושיעורים שונים מכ"ק מרן אדמו"ר זצוק"ל**
וכן למודעות ומאורעות שונות בקרב קהילתינו הק'
**יש להתקשר לקו**
**"קול קאסוב"**
**718-682-2004**
או במס' ישראלי 972-72-370-1810

**חדש:**
לשמוע **שיעורי פסח** - לחץ: # מתחילת המערכת

**כל הזכויות שמורות**
להערות, לתרומות, לקבל הגליונות מדי שבוע ע"י אימייל
או לסדר מוקד הפצה בביהמ"ד או שכונה שלך
יש לפנות להמערכת במס'
718-400-7750 x2
או באימייל office@mechonsb.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# אונזער עבודה פסח ביינאכט

## עיקרי היסודות שנלקטו מתוך שיעוריו ושיחותיו הרבים ונכתבו בלשון אידיש בטוב טעם ודעת

### פסח - אמונה

**פסח** ביינאכט איז גאר א הויכע זמן, ס'איז א נאכט ווי מיר באקן פון פריש אריין אין זיך און אין די קינדער די אמונה טהורה אין דעם אויבערשטן, מיר חזר'ן איבער די געוואלדיגע ניסים ונפלאות וואס דער אויבערשטער האט געטון מיט די אידן אין מצרים, ווי ער האט זיי ארויס גענומען מעבדות לחירות מיט גרויס ליבשאפט, למעלה מדרך הטבע ממש.

### בימים ההם בזמן הזה

**אבער** די אמונה פון פסח ביינאכט גייט אסאך טיפער פון דעם. נישט נאר וואס מיר חזר'ן איבער דער פשוטער אמונה אז דער אויבערשטער איז א כל יכול, און אז ער האט געטון גרויסע ניסים ונפלאות פאר די אידן אין מצרים מיט טויזענטער יאר צוריק.

**נאר** די עיקר אמונה וואס מיר דארפן אריין באקן אין זיך אין דעי נאכט איז אז ס'שפילט זיך פון פריש איבער נאך א מאל א יעדע יאר א נייע יציאת מצרים. די זעלבע גרויסע הארות וואס דער אויבערשטער האט לעכטיג געמאכט פאר די אידן אין מצרים דעמאלטס, די זעלבע געוואלדיגע נאנטקייט וואס איז געווארן צווישן אידן מיטן אויבערשטן דעמאלטס, **די זעלבע גרויסע הארות שיינט דער אויבערשטער אריין אין א יעדע איד, די זעלבע געוואלדיגע נאנטקייט ווערט פון פריש נתעורר נאכאמאל א יעדע יאר פסח ביינאכט.**

### חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים

**דאס** איז פשט וואס מיר זאגן אין די הגדה "חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים" ס'מיינט נישט אז מ'זאל זיך פאָרשטעלן

כאילו מיר זענען אמאהל געוועהן אונטערטעניגט אונטער פרעה און אונז זעמיר ארויס גענומען געווארן פון דארט, נאר ס'מיינט **אז מ'זאל גלויבן אז דער אויבערשטער מאכט פאר אונז ניסים ונפלאות היינטיגע צייטן אויך**, פונקט אזוי ווי ער האט געמאכט פאר די אידן אין מצרים דעמאלטס.

**יעצט** ווען מיר דורך גיין די עיקר גרויסע נקודות וואס דער אויבערשטער האט געטוהן פאר די אידן אין מצרים, און מיר וועלן אויסשמועסן ווי אזוי א יעדער יאר פסח ביינאכט שפילט זיך איבער גענוי די זעלבע גרויסע ענינים ביי א יעדע איד בפרטיות.

### ועברתי בארץ מצרים בלילה הזה

**מיר** זאגן אין די הגדה '**ויוצאנו ה' ממצרים, לא על ידי מלאך ולא על ידי שרף ולא על ידי שליח. אלא הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו**' - ווען דער אויבערשטער איז אראפ געקומען פסח ביינאכט ביי מכת בכורות אויסצולייזן די אידן פון מצרים איז ער אליין אראפ געקומען '**בכבודו ובעצמו**' אזוי ווי ס'שטייט דארט אין פסוק (שמות יב יב) "**ועברתי בארץ מצרים בלילה הזה וגו'**" און מ'לערנט ארויס '**אני ולא מלאך, אני ולא שרף, אני ולא שליח**'.

**דארף** מען וויסן אז אזוי אויך יעדע יאר פסח ביינאכט קומט דער אויבערשטער אליין אראפ '**בכבודו ובעצמו**' צו א יעדע אידישע שטוב, אזוי ווי ס'שטייט טאקע אין זוה"ק (פר' בא דף מ' ע"ב) וואס מ'זאגט טאקע פאר די הגדה, אז פסח ביינאכט בשעת וואס מיר זאגן די הגדה קומט דער אויבערשטער אליין אראפ, זיך צוקוקען ווי אזוי זיינע קינדער רעכטן אפ די סדר, און פרייען זיך מיט די ניסים וואס ער האט געטון, און ער האט פון דעם א מורא'דיגע נחת רוח.

### אייגענע יציאת מצרים

**פסח** ביינאכט איז דער אויבערשטער אראפ געקומען אויסצולייזן די אידן פון מצרים, **די זעלבע זאך פונקטליך געשעהט יעדע יאר אז דער**

**אויבערשטער קומט אראפ צו יעדע איד אים אויסצולייזן פון זיין אייגענע מצרים!**

**די** 'אייגענע מצרים' מיינט, די אלע שוועריקייטן וואס לאזן נישט די מענטש אנקומען צו ווי ער וויל באמת אנקומען. ווייל יעדער איד וויל באמת דינען דעם אויבערשטן אזוי ווי ס'דארף צי זיין מיט אלע מיני פיטשעוועקעס, ממש אזוי ווי א צדיק הדור. נאר וואס דען, יעדער האט זיך זיינע אייגענע פריוואטע שוועריקייטן, פראבלעמען, און קאמפלעקסן (יעדער ווערט הייגט דייעגנאזט מיט עטליכע אויתיות), **וואס לאזן אים** נישט ארויס געבן זיינע אינערליכע רצונות. די אלע פראבלעמען ווערן אנגערופען 'מצרים', [אזוי ווי די לשון 'מיצר' וואס איז טייטש 'ענגשאפט']. אבער ווען ס'קומט פסח ביינאכט דארף מען גלייבן אז דער אויבערשטער קומט אראפ צו אונז, אונז ארויס נעמען פון די אלע שווערעקייטן.

## לילה כיום יאיר

**פסח** ביינאכט אין מצרים, שטייט אין חז"ל (זוה"ק פר' בא דף לח ע"א) אז ס'איז געוועהן "לילה כיום יאיר" (תהלים קלט יב) - ס'איז געווארן לעכטיג אין אלע אידישע שטובער. און אזוי ווי דעמאלטס אזוי אויך יעדע יאר פסח ביינאכט ווערט מען פטור פון אלע שווערעקייטן און ס'ווערט פלוצלינג לעכטיג פאר יעדעם איינעם, ס'ווערט א מצב פון 'לילה כיום יאיר', ס'**עפענט זיך מיט א מאל אויף א נייע וועלט, ס'ווערט א קלארע אמונה, מ'הייבט אהן קענען פארשטיין דעם אויבערשטן**.

## סדר אויף א גאנץ יאר

**מיט** דעם פארשטייט מען וואס צדיקים האבן געזאגט אז די סיבה פארוואס די סדר נאכט הייסט 'סדר' איז **ווייל פסח ביינאכט מאכט מען 'סדר' אויף א גאנץ יאר, ווייל די קאפ עפענעט זיך אויף, און מ'באקומט א נייע השגה אין דעם אויבערשטן, א נייע השגה אין תורה, א נייע השגה אין עבודה, א נייע השגה אין מצוות**, וועגן דעם האבן צדיקים טאקע אזוי געקאכט אין דער ליל הסדר, ווייל זיי האבן געוויסט אז אין די נאכט ווענדט זיך אלעס.

## ריבוי אהבה

**ס'שטייט** אין רש"י (שמות יב מב) אז די נאכט ווערט אנגערופען אין פסוק 'ליל שמורים' ווייל אויף די נאכט האט דער אויבערשטער זייער שטארק געהאפט און געווארט מיט א שטארקע בענקעניש, ווען וועט שוין קומען די ריכטיגע מינוט אויסצולייזן זיינע ליבע אידישע קינדער פון מצרים, אזוי ווי די לשון רש"י איז: "**ליל שמורים, שהיה הקב"ה שומר ומצפה לו לקיים הבטחתו להוציאם מארץ מצרים**".

**נאך** איז באקאנט פון די הייליגע רבי ר' משה לייב סאסוב'ער זי"ע אז ווען דער אויבערשטער איז ארום געגאנגען אין מצרים אויסצוהרג'ענען אלע בכורים פון די מצריים, און איבער געהיפט די אידישע הייזער ווי ער האט געזעהן די בלוט געשמירט אויפ'ן שוועל, האט דער אייבערשטער נישט נאר 'איבער געטאנצן' די אידישע הייזער, נאר געטאנצן 'אויף' די אידישע הייזער און זיך געפרייט אז '**דא וואוינט א איד**'.

**דארף** מען וויסן אז יעדע יאר פסח ביינאכט **קומט דער אויבערשטער אראפ צו אונז מיט די זעלבע שטארקע ליבשאפט און בענקעניש, און ס'ווערט א משונה'דיגע נאנטקייט צווישן די אידן מיט דער אויבערשטער, און דער אויבערשטער כביכול טאנצט פאר שמחה מיט אונזער עבודה** וואס אונז טוען פאר אים. ס'ווערט נתעורר אז ער וויל אונז שוין ארויס נעמען פון גלות.

## בניסן נגאלו בניסן עתידין ליגאל

**ביי** פסח מצרים איז דער אויבערשטער אראפ געקומען אויסצולייזן די אידן פון גלות אינמיטן פון די נאכט. און יעדעס יאר די נאכט פון פסח קומט דער אויבערשטער אראפ צו אונז, כדי אונז אויסצולייזן פון גלות. **ס'ווערט נתעורר די גאולה שלימה אויף א משונה'דיגע שטארקע אופן.** צדיקים האבן טאקע זייער שטארק געקאכט ביי דער סדר צו ברענגען משיח. **באמת איז די נאכט טאקע אזוי גרויס אז מ'וואלט געקענט ברענגען משיח!**

## מ'ווארט אויף דיר

**דער** אויבערשטער האט אבער נישט צוגעלאזט אז די צדיקים זאלן שוין ברענגען משיח, ווייל דער אויבערשטער וויל נישט ברענגען משיח נאר פאר די גרויסע צדיקים, דער אויבערשטער וויל ברענגען משיח פאר אלע אידן.

**דאס מיינט אז דער אויבערשטער ווארט אויף יעדע יחיד ויחיד** זאל אנהייבן זיך בענקען צוריק צו דער אויבערשטער אהיים! **דער אויבערשטער איז כביכול פאר'חלש'ט פאר דיר, און קען קוים ווארטן פאר דיר!** מ'ווארט אויף יעדעם איינעם בלי שום יוצא מן הכלל!

## מסירת נפש

**ביי** פסח מצרים האט דער אויבערשטער געהייסן די אידן לייגן פון די דם פסח, און דם מילה אויף די שוועל פון די טיר. און דורך דעם דוקא איז דער אויבערשטער אראפ געקומען, און 'געטאנצן' איבער די אידישע הייזער, און זיי געמאכט לעכטיג. פשט דערפון איז אז די מסירת נפש וואס די אידן האבן געהאט אריין צו שניידן אין זיך און זיך מל'ען, און צו מקריב זיין די קרבן פסח, כאטש אפילו וואס דאס איז געווען די עבודה זרה פון די מצריים. דאס איז געווען די זכות פארוואס דער אויבערשטער איז אראפ געקומען צו זיי, זיי אויסצולייזן.

## אריין נעמען דער אויבערשטער אין זיך

**יעצט** ווען מיר מסביר זיין אביסל טיפער, וואס דאס מיינט אז מסירת נפש מאכט אז דער אויבערשטער זאל אראפ קומען. קודם לאמיר פארשטיין, לכאורה וואס מיינט דאס אז דער אויבערשטער 'קומט אראפ' צו אונז אויף דער וועלט, פון וואו קומט ער? צו וואו גייט ער? מ'ווייסט דאך אז דער אויבערשטער איז אלעמאל איבעראל, אזוי ווי ס'שטייט (ישעי' ו ג) 'מלא כל הארץ כבודו' און 'לית אתר פנוי מיניה'.

**נאר** וואס דען, דער אויבערשטער איז טאקע אלעמאל איבעראל, און בפרט אין א יעדע איד, ווייל א איד איז דאך א חלק אלוק ממעל

ממש (תניא פרק ב'). נאר אסאך מאל שפירט נישט די מענטש ווי דער אויבערשטער איז טאקע מיט אים, ס'ווערט א מסך המבדיל צווישן די מענטש מיט'ן אויבערשטער. די מסך המבדיל ווערט אנגערופען אן 'ערלה', [וואס ערלה איז טייטש א זאך וואס דעקט צו און פארשטאפט]. אבער ווען א איד איז זיך מוסר נפש פאר'ן אויבערשטן, ברעכט ער מיט דעם דורך די מסל המבדיל, דאס הייסט אז די ערלה קומט אראפ, און פלוצלינג ווערט אלעס צוריק לעכטיג פאר די מענטש, און מ'שפירט שוין צוריק דעם אויבערשטן.

**דאס** איז די עבודה פון מבער זיין די חמץ. ווייל חמץ גייט ארויף אויף די יצר הרע אזוי ווי ס'איז באקאנט פון אלע ספרים הקדושים, און מיר זענען זיך מוסר נפש אים מבער צו זיין פון זיך, און אזוי קען מען זוכה זיין אריין צו נעמען אין זיך די מצה וואס ווערט אנגערופן (זוה"ק ח"ב קפג.) 'מיכלא דמהימנותא' - 'א מאכל פון אמונה', דאס הייסט אז ווען מיר עסן די מצה לייגן מיר אריין אין זיך אמונה אינעם אויבערשטן. **דאס איז די מסירת נפש וואס מיר זענען עוסק אין פסח, צו גלייבן אינעם אויבערשטן מיט אמונה און בטחון אין אלע מיני מצבים**, און כאטש אפילו מיר פארשטייען נישט זיינע וועגן, זאלן מיר אים ווייטער דינען, און האפן צו אים.

### מצה - א שטיק שמות

**אויך** דארפן מיר וויסן אז ווען מיר עסן די הייליגע מצה, עסן מיר נישט סתם 'מעהל מיט וואסער'. ווייל מיר ווייסן דאך אז יעדע מצוה וואס מיר טוען, ווערט נתעורר אין הימל ביים אויבערשטן די זעלבע זאך, און ס'איז זעלבסט פארשטעדליך אז אויבן אין הימל איז נישט דא קיין מעהל און קיין וואסער, נאר וואס דען, שטייט פון די הייליגע אר"י הקדוש אז די מצות זענען פיל מיט שמות הקדושים - דער אויבערשטערס נאמען, [די ערשטע מצה איז א יו"ד, די צווייטע מצה איז א ה', וועגן דעם צוטיילט מען עס אין צוויי חלקים וואס ווייזן אויף א ד' מיט א ו' וואס צוזאמען זענען זיי א ה', און די אונטערשטע מצה איז נאך א ה', און אזוי אויך זענען מרומז נאך אסאך שמות אין די מצות]. און ווען מיר עסן די מצה לייגן מיר אריין **אין זיך דעם אויבערשטן'ס נאמען** ממש.

**מיט** דעם פארשטייען מיר וואס מיר זאגן אין די הגדה 'הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים' - 'דאס איז די ארימע ברויט וואס אונזערע עלטערן האבן געגעסן אין די לאנד מצרים', וואס בעצם איז שווער אז די שטיקל מצה וואס מען ווייזט אויפ'ן טיש איז נישט די מצה וואס איז געווען אין מצרים פאר דריי טויזענט יאר צוריק, נאר די פשט איז אז מ'רעדט טאקע נישט פון די 'מעהל מיט וואסער' וואס ליגט אויפ'ן טיש, מ'רעדט פון די שמות וואס ליגן אין די מצות, און די שמות זענען יא ממש די זעלבע שמות פון דריי טויזענט יאר צוריק, אזוי ס'שטייט אין פסוק (מלאכי ג ו) 'אני הוי"ה לא שניתי' - דער אויבערשטער האט זיך קיינמאל נישט געטוישט. [און דאס איז די סיבה פארוואס עפ"י אר"י זאגט מען '**הֵא** לחמא עניא', וואס דאס גייט ארויף אויף די מיטעלסטע מצה וואס ווערט אנגערופען א הֵ"א].

### ריח גן עדן

**חז"ל** זאגן אונז (שמו"ר יט ה) אז אין מצרים זענען געווען אידן וואס האבן זיך נישט געוואלט מל'ען צו קענען מקריב זיין די קרבן פסח, אבער אויך אויף זיי האט דער אויבערשטער נישט אויפגעגעבן, נאר ער האט ארויס געלאזט א ריח גן עדן אויף די קרבן פסח פון משה רבינו און מען האט עס געקענט פילן אין די גאנצע ארום, אזוי אז אפילו די אידן זענען געקומען צו לויפן זיך צו מל'ען כדי צו קענען עסן פון די קרבן פסח, ווייל זיי האבן געפיהלט און פארשטאנען קלאר ווי גוט ס'איז צו זיין נאנט צום אויבערשטן.

**די** זעלבע זאך חזר'ט זיך איבער יעדע יאר פסח ביינאכט **ווען דער אויבערשטער קומט אראפ צו אונזער סדר, ווערט א ריח גן עדן, און נישט קיין חילוק אין וואס פאר א מצב די מענטש געפינט זיך איז דער אויבערשטער משפיע אויף אים א ריח גן עדן, און וויל אז ער זאל זיך דערנענטערן צו אים**. ווייל א יעדע איד איז באמת א חלק אלוק ממעל, און דארט ווי די אויבערשטער איז, דארט איז דא א ריח גן עדן. [דאס טרעפן מיר אויך שוין ביי יצחק אבינו, ווען יעקב אבינו איז געקומען נעמען די ברכות, איז געווען פסח ביינאכט, און ער האט געמאכט פאר

יצחק א קרבן פסח (פרקי דר"א לב, מובא ברש"י בראשית כז ט), **שטייט דארט אז** ווען ער איז אריין געקומען צו יצחק איז מיט געקומען א ריח גן עדן (רש"י שם בשם בר"ר)]

### מ'דארף גלייבן

**די** עיקר איז אז **מ'זאל גלייבן אין די אייגענע כוחות, און גלייבן אז דער אויבערשטער איז טאקע אינטערעסירט אין מיר, און גלייבן אין די נאנטקייט וואס ווערט צווישן הקב"ה און כנסת ישראל, און גלייבן אז מיט אונזער עבודה זענען מיר מעורר דעם אויבערשטן!**

### כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות

**מיר** בעטן דעם אויבערשטן אז משיח זאל שוין קומען, און מיר זאלן שוין נישט דארפן גלייבן, נאר מיר זאלן שוין קענען אליין זעהן מיט די אייגענע אויגן, אזוי ווי ס'שטייט טאקע אין פסוק (מיכה ז טו) 'כמי צאתך מארץ מצרים **אראנו** נפלאות', ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים במהרה בימינו אמן.

**ניתן להשיג כל הגליונות**
היו"ל ע"י המכון

## בארא פארק

בבית מדשינו הגדול
1353 55st

## וויליאמסבורג

ביהמד קיט"ל בית מנחם צבי
לאקער 6# (אצל המקוה)

ביהמ"ד וויזניץ Rutledge & White
לאקער 222# (אצל העז"נ)

## מאנסי

ביהמ"ד סאטמאר 1
לאקער 5#

ביהמ"ד הגדול וויזניץ
לאקער 183#

**בעזרת ה' במהלך השבועות הקרובים**
**יתווספו מוקדים נוספים בכל העיירות**

**לסדר מוקד הפצה בביהמ"ד או שכונה שלך**
**יש לפנות להמערכת במס'**

**718-400-7750 x2**

**או באימייל** office@mechonsb.com